This translation is out of date. Use it along with the current VIS in English. Visit www.immunize.org/vis for details.



**וואקסין אינפארמאציע סטייטמענט**

Many Vaccine Information Statements are available in Yiddish and other languages. See www.immunize.org/vis

פיל וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענטס זענען אוועילעבל אין אידיש און אנדערע שפראכן. זעט www.immunize.org/vis

# MMRV'וואקסין (מיזלס, מאַמפּס, רוּבעלא און ווערִיסעלא): *וואס איר דארפט וויסן*

## 1. פארוואס צו וואקסינירט ווערן?

**דער MMRV וואקסין** קען פארמיידן **מיזלס, מאַמפּס, רוּבעלא** און **ווערִיסעלא.**

- **מיזלס (MEASLES, M)** פאראורזאכט א פיבער, הוסט, רונעדיגע נאז און רויטע וואסעריגע אויגן, אפט נאכגעפאלגט מיט אן אויסשלאג וואס דעקט איבער די גאנצע קערפער. עס קען פירן צו סיזשערס (וועלכע קומען אפט פון פיבער), אויער אינפעקציעס, א לויז מאגן (דייעריע) און לונגען אנטצינדונג (ניומאָוניע). אין זעלטענע פעלער קען מיזלס פאראורזאכן שאדן צו די מוח אדער טויט רח"ל.
- **מאַמפּס (MUMPS, M)** פאראורזאכט פיבער, א קאפווייי, וויי־טאג אין די מוסקלען, פילן אויסגעמוטשעט, פארלירן די אפעטיט און אויפגעשוואלענע און עמפינדליכע שפייעכץ דריזן אונטער די אויער. עס קען פירן צו טויבקייט, א געשווילעכץ אין די הייטל ארום די מוח און/אדער חוט השדרה, א ווייטאגליכע געשווילעכץ אין די טעסטיקלס אדער אָווערים און גאר זעלטן — טויט רח"ל.
- **רוּבעלא (RUBELLA, R)** פאראורזאכט פיבער, האלז ווייטאג, אן אויסשלאג, קאפווייי און אומבאקוועמליכקייט אין די אויגן. עס קען פאראורזאכן ארטרייטיס (arthritis) ביי ביז אזויפיל ווי האלב פון צענערלינג און דערוואקסענע פרויען. אויב א מענטש באקומט רובעלא בשעת זיי זענען טראגעדיג קענען זיי מפיל זיין אדער קען די בייבי געבוירן ווערן מיט ערנסטע געבורט דעפעקטן.
- **ווערִיסעלא (VARICELLA, V)** אדער "טשיקענפאקס" פאראורזאכט א קראצעדיגע אויסשלאג, אין צוגאב צו א פיבער, פילן אויסגעמוטשעט, פארלירן דעם אפעטיט און א קאפווייי. עס קען פירן צו הויט אינפעקציעס, לונגען אנטצינדונג (ניומאָוניע), אנטצינדונג פון די בלוט אדערן, א געשווילעכץ פון די הייטל פון די מוח און/אדער חוט השדרה און אינפעקציע אין די בלוט שטרוים, אין די ביינער אדער דזשוינטס (געלענקן). טייל מענטשן וואס באקומען טשיקענפאקס באקומען א ווייטאגליכע אויסשלאג וואס הייסט "שינגלס" (אויך גערופן הערפיס זאָסטער) יארן שפעטער.

די מערהייט פון מענטשן וואס זענען וואקסינירט מיט דעם MMRV וואקסין וועלן זיין באשיצט פאר די גאנצע לעבן. וואקסינען און הויכע ראטעס פון וואקסינאציע האבן געמאכט אז די קראנקייטן זאלן זיין פיל ווייניגער פארשפרייט אין די פאראייניקטע שטאטן.

## 2. MMRV וואקסין

דער MMRV וואקסין קען געגעבן ווערן פאר **קינדער פון 12 חודשים ביז 12 יאר אלט**, געווענטליך:

- ערשטע דאזע ביי 12 ביז 15 חודשים
- צווייטע דאזע ביי 4 ביז 6 יאר

דער MMRV וואקסין קען געגעבן ווערן אין דעם זעלבן צייט ווי אנדערע וואקסינען. אנשטאט דער MMRV וועלן טייל קינדער מעגליך באקומען איין איינשפריץ פאר די MMR (מיזלס, מאַמפּס און רובעלא/measles, mumps, and rubella) און א באזונדערע איינשפריץ פאר ווערִיסעלא. אייער דאקטאר קען אייך געבן מער אינפארמאציע.

## 3. רעדט מיט אייער דאקטאר

זאגט דעם צושטעלער פון וואקסין אויב דער מענטש וואס באקומט דעם וואקסין:

- האט געהאט אן **אלערגישע רעאקציע נאך א פריערדיגע דאזע פונעם MMRV, MMR אדער ווערִיסעלא וואקסין**, אדער האט סיי וועלכע **ערנסטע, לעבנס-סכנות'דיגע אלערגיעס**
- איז **טראגעדיג** אדער טראכט אז זיי זענען מעגליך טראגעדיג — טראגעדיגע מענטשן זאלן נישט באקומען דעם MMRV וואקסין
- האט אן **אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם** אדער האט א **טאטע/מאמע אדער ברודער/שוועסטער מיט א געשיכטע פון גע׳ירשנ׳טע אדער געבוירענע אימיון סיסטעם פראבלעמען**
- האט אמאל געהאט **א פראבלעם וואס האט געמאכט אז זי אדער ער זאלן שנעל באקומען בלויע וואונדן (ברוּזעס) אדער בלוטן**
- האט א **געשיכטע פון סיזשערס** אדער האט א **טאטע/מאמע אדער ברודער/שוועסטער מיט א געשיכטע פון סיזשערס**
- נעמט **איין אדער פלאנירט צו נעמען salicylates מעדיצינען** (צום ביישפיל אספירין)
- האט לעצטנס **געהאט אן IV בלוט טרענספיוזשען אדער לעצטנס באקומען אנדערע בלוט מאטעריאלן**
- האט **טובערקולאזיס**
- האט **באקומען סיי וועלכער אנדערער וואקסין אין די פארגאנגענע 4 וואכן**

אין געוויסע פעלער, וועט אייער דאקטאר מעגליך באשלוסן צו אפשטופן MMRV וואקסינאציע ביז א צוקונפטדיגע באזוך, אדער וועלן זיי רעקאמענדירן אז דאס קינד זאל באקומען באזונדערע MMR און ווערִיסעלא וואקסינען אנשטאט דעם MMRV.

מענטשן וואס פילן זיך מילד נישט גוט, ווי צום ביישפיל א פארקילעכץ, קענען וואקסינירט ווערן. קינדער וואס זענען מיטלמעסיג אדער ערנסט קראנק זאלן געווענטליךווארטן ביז זיי דערהוילן זיך איידער באקומען דעם MMRV וואקסין.

אייער דאקטאר קען אייך געבן מער אינפארמאציע.

U.S. Department of Health and Human Services
Centers for Disease Control and Prevention

## 4. סכנות פון א רעאקציע צום וואקסין

- ווייטאג אין די ארעם פון די איינשפריץ, רויטליכקייט אדער אן אויסשלאג אויף דעם פלאץ וואו מען האט געגעבן די איינשפריץ אדער א פיבער קענען געשען נאכן באקומען דעם MMRV וואקסין.
- אויפגעשוואלענע דריזן אין די באקן אדער האלז אדער צייטווייליגע ווייטאג און שטייפקייט אין די דזשוינטס (געלענקן) געשען צומאל נאכן באקומען דעם MMRV וואקסין.
- סיזשערס (וועלכע קומען אפט מיט פיבער) קענען געשען נאכן באקומען דעם MMRV וואקסין. די סכנה פון סיזשערס איז גרעסער נאכן באקומען דעם MMRV ווי נאך די באזונדערע MMR און וועריסעלא וואקסינען ווען עס ווערט געגעבן אלץ די ערשטע דאזע פון די צוויי-דאזע סעריע ביי קלענערע קינדער. אייער דאקטאר וועט אייך מעגליך דערקלערן וועלכע וואקסינען זענען די פאסיגסטע פאר אייער קינד.
- רוב ערנסטע רעאקציעס געשען נאר זעלטן, אריינרעכנענדיג א נידעריגע צאל פון פלייטלעטס אין די בלוט — א זאך וואס קען פאראורזאכן אומגעווענטליכע בלוטן אדער בלויע וואונדן (ברוזעס).
- אין מענטשן מיט ערנסטע אימיון סיסטעם פראבלעמען די וואקסין קען פאראורזאכן אן אינפעקציע וואס קען זיין א סכנה פארן לעבן. מענטשן מיט ערנסטע אימיון סיסטעם פראבלעמען דארפן נישט באקומען דעם MMRV וואקסין.

אויב א מענטש באקומט אן אויסשלאג נאכן באקומען דעם MMRV וואקסין קען עס זיין פארבינדן צו די מיזלס באשטאנדטייל אדער צו די וועריסעלא באשטאנדטייל פון דעם וואקסין. דער וועריסעלא וואקסין ווירוס פארשפרייטן צו אן אומבאשיצטער מענטש. א מענטש וואס באקומט אן אויסשלאג זאל אוועקשטיין פון בייביס און פון מענטשן מיט אן אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם ביז די אויסשלאג גייט אוועק. רעדט מיט אייער דאקטאר צו לערנען מער.

טייל מענטשן וואס ווערן וואקסינירט קעגן טשיקענפאקס באקומען שינגלס (הערפיס זאָסטער) יארן שפעטער. עס איז אבער פיל מער זעלטן נאך א וואקסינאציע ווי נאכן עכט זיין קראנק מיט טשיקענפאקס.

מענטשן חלש'ן צומאל נאך מעדיצינישע פראצעדורן, אריינרעכנענדיג וואקסינאציע. זאגט אייער דאקטאר אויב איר באקומט א שווינדל אדער אויב אייער זעענונג טוישט זיך אדער אויב איר הערט קלינגען אין די אויערן.

פונקט ווי מיט סיי וועלכע מעדיצין, עס זענען דא גאר קליינע אויסזיכטן אז א וואקסין זאל פאראורזאכן א שווערע אלערגישע רעאקציע, אן אנדערע ערנסטע שעדיגונג, אדער טויט.

## 5. וואס אויב עס איז דא אן ערנסטן פראבלעם?

אן אלערגישע רעאקציע קען פארקומען נאכדעם וואס דער מענטש וואס האט באקומט דעם וואקסין פארלאזט די קליניק. אויב איר זעט סימנים פון אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע (אויסשלאגן, אן אויפגעשוואלענע פנים און האלז, שוועריקייטן צו אטעמען, א שנעלע הארץ קלאפ, א שווינדל אדער שוואכקייט), רופט **9-1-1** און נעמט דעם מענטש צו דעם נאענטסן שפיטאל.

פאר אנדערע סימנים וואס באזארגן אייך רופט אייער דאקטאר.

אומגעוואונטשענע רעאקציעס זאלן באריכטעט ווערן צו דעם Vaccine Adverse Event Reporting System (VAERS) (וואקסין אומגעוואונטשענע אינצידענטן באריכטונג סיסטעם). אייער דאקטאר וועט געווענטליך זיין דער וואס וועט אריינגעבן דעם באריכט, אדער איר קענט דאס אליין טאן. באזוכט די VAERS וועבזייטל אויף www.vaers.hhs.gov אדער רופט **1-800-822-7967**. *VAERS איז געווידמעט נאר צו באריכטן רעאקציעס, און VAERS שטאב מיטגלידער גיבן נישט קיינע מעדיצינישע עצות.*

## 6. דער נאציאנאלע וואקסין שאדן פארגוטיגונג פראגראם

דער National Vaccine Injury Compensation Program (VICP) (נאציאנאלע וואקסין שאדן פארגוטיגונג פראגראם) איז א פעדעראלער פראגראם וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן צו פארגוטיגן מענטשן וואס זענען מעגליך געשעדיגט געווארן דורך געוויסע וואקסינען. קליימס אין פארבינדונג מיט אנגעבליכע שאדן אדער טויט צוליב א וואקסינאציע האבן א באגרעניצטע צייט צו אריינגעגעבן ווערן - קענענדיג זיין אזוי קורץ ווי צוויי יאר. באזוכט די VICP וועבזייטל אויף www.hrsa.gov/vaccinecompensation אדער רופט **1-800-338-2382** צו לערנען מער איבער דעם פראגראם און איבער ווי אזוי אריינצוגעבן א קליים.

## 7. ווי אזוי קען איך לערנען מער?

- פרעגט אייער דאקטאר.
- רופט אייער לאקאלע אדער סטייט העלט דעפארטמענט.
- באזוכט די וועבזייטל פון די Food and Drug Administration (עסן און דראג אדמיניסטראציע) (FDA) פאר די אינפארמאציע צעטלעך וואס קומען מיט די וואקסין פעקלעך און פאר נאך אינפארמאציע אויף www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines.
- פארבינדט זיך מיט די Centers for Disease Control and Prevention (צענטערס פאר קראנקייט קאנטראל און פארמיידונג) (CDC):
  - רופט **1-800-232-4636 (1-800-CDC-INFO)** אדער
  - באזוכט די CDC וועבזייטל אויף www.cdc.gov/vaccines.

Yiddish translation provided by Immunize.org